# שיעור 95 מאת הרב שמואל אליעזר פריעדמאן בענין גזירת החינוך

בעזהי"ת, א' ויצא, ג' כסליו תשפ"ג.

אונז האלט מיר יעצט, שיעור נומער 95. (עס איז אריינגעקומען א בקשה פון אסאך שומעים אז ווען ס'איז דא א לאנגע שיעור, זאל מען עס צוטיילן אויף עטליכע חלקים, אויף א אופן אז יעדע חלק זאל זיין ווי א עקסטערע שיעור. מילא וועל מיר אונז טאקע אזוי טון בעז"ה. דער שיעור וועט ווערן צוטיילט בסיעתא דשמיא אויף פיר עקסטערע חלקים, די ערשטע וועט זיין אי"ה שיעור 95, די צווייטע וועט זיין בעז"ה שיעור 96, די דריטע וועט זיין אי"ה 97, די פערטע חלק וועט זיין אי"ה שיעור 98. יעצט הויב מיר אן די ערשטע חלק וואס דעם איז שיעור נומער 95).

אין די היינטיגע שיעור וועט מען אי"ה איבערגעבן **שווידערליכע אויפדעקונגען וואס מ'לערנט כהיום אין די רעגירונגס אינסטיטושנס,** די אזוי-גערופענע מוסדות וואס נעמען געלט פון די רעגירונג. מיר רעדן נישט יעצט וואס מ'לערנט ביי לימודי חול, וואס פון דעם האמיר שוין גערעדט אסאך אין די פריערדיגע שיעורים. אונז רעד מיר אויך נישט וואס מ'לערנט ביי די מיידלעך וואס דער מצב דארט איז שרעקליך, נאר אונז ווילן מיר דא איבערגעבן וואס טוט זיך ביי לימודי קודש, און טאקע ביי די יונגלעך.

די היינטיגע שיעור איז נוגע סיי פאר אזעלכע וואס האבן נאך ליידער נישט די זכיה צו שיקן אין טהרת הקודש, און ס'איז אויך נוגע פאר די וואס האבן יא די זכיה צו שיקן אין אזעלכע טהרת הקודש מוסדות, כדי זיי זאלן **פארשטיין פון וואס שפארן זיי זיך אלץ איין, פון וואס זיי היטן אויס די קינדער**, וואסערע חסד השם דאס איז אז זיי האלטן דארט די קינדער, און זאלן דאנקען און לויבן דעם אויבירשטן אויף דעם חסד, אשרינו מה טוב חלקינו.

יעצט פארן אנהויבן, ווילן מיר קודם פרעגן עטליכע אינטרעסאנטע שאלות, וואס די תשובות דערויף וועט נתברר ווערן בהמשך פונעם שיעור מיטן אויבירשטנס הילף. יעצט וועלן מיר אויסרעכענען 10 שאלות:

1) וואס איז די בעסטע וועג צו מאכן א סענדוויטש?

2) אין וועלכע שטאט האט מען זיך געפירט פסח ביינאכט צו נעמען א פענסיל און מאלן בילדער?

3) ווען מ'האט א ספר און מ'וויל עס ליינען, ווי אזוי קען מען וויסן וואס דארט שטייט?

4) אין פרשת חיי שרה ווען רבקה האט אנגעפילט די קריגל פאר אליעזר, ביי וועלכע חלק פון די מעשה האבן אלע ארומיגע געקלאטשט מיט די הענט?

5) פון וועלכע זייט עפנט מען א ביכל, פון פראנט אדער פון די בעק?

6) ווען א קינד מאכט א טעות צווישן שעפן און שלעפן, וועלכע אבר דארף מען אויסטשעקן?

7) וואס איז די חילוק צווישן א לאליפאפ און זאלץ?

8) וואס איז די סיבה אז אלע דורות ביז יעצט האבן נישט געקענט קיין אלף בית?

9) ווי אזוי קען מען זיך מקשר זיין מיט די צדיקים מדורות הקודמים דורכ'ן טעלעפאון?

10) וועלכע דבר מצוה קען מען מקיים זיין מיט א ביגל אייזן?

במשך פונעם שיעור אי"ה, וועט נתברר ווערן די תשובות פון די אלע שאלות.

יעצט צום ענין. אונז גיי מיר ממשיך מיט די שאלה וואס מיר האבן גערעדט דערפון אין פאריגן שיעור: וואס איז די פראבלעם מיט שיקן די קינדער אין מוסדות, אדער בעסער געזאגט אינסטיטושנס וואס נעמען געלט פון די רעגירונג? אין אנדערע ווערטער, **וואס די רעגירונג איז די וועד החינוך**. ס'טייטש, ווייל די רעגירונג טיילט איין עכ"פ געוויסע חלקים פון טאג, וואס מ'מעג לערנען, וואס מ'זאל לערנען - און וואס נישט.

באמת איז דאס אליינס די תשובה, דאכט זיך אז קיינער האלט נישט ביים שיקן די קינדער אין א מוסד וואס די אפיקורסים פון די ממשלה זענען די מחליטים און אחראים, וואס און ווי אזוי מחנך צו זיין די קינדער. אבער זייער אסאך מענטשן בארואיגן זיך מיט די טענה אז: עה - מ'זאגט נאר אזוי פאר די רעגירונג, און למעשה פאלגט מען זיי נישט, מ'פראבירט זיך איינצורעדן, בארואיגן דעם געוויסן אז אמת'דיג לערנט מען ממש אזוי ווי ביים חתם סופר ותלמידיו, **אלעס איז בלי שום שינוי כל שהוא**, העכסטנס וועט מען זיין א עומד על המשמר, און תיכף ומיד ווען מ'וועט זען די מינדעסטע שינוי, אפילו נאכנישט אזא געפערליכע זאך, נאר סתם א שינוי, וועט מען דאן ארויסנעמען די קינדער. און ווער רעדט נאך אויב מ'וועט נישט סתם משנה זיין נאר מ'וועט גאר אנהויבן לערנען זאכן וואס טויגן נישט, אשר לא שערום אבותינו, וועט מען נישט טראכטן קיין צוויי נאר מ'וועט תיכף ומיד מאכן א הוצאה והכנסה, ארויסנעמען פון די רעגירונגס אינסטיטושנס, און אריינלייגן אין טהרות הקודש מוסדות, דאס וועט זיין אויב מ'וועט משנה זיין, אבער לעת עתה זעען מיר נאכנישט אז מ'זאל עפעס משנה זיין, אזוי טראכטן די אלע מענטשן ביי זיך, און די מנהיגי המוסדות און די עסקנים שרייען דאך אז **מ'לערנט אויפן זעלבן אופן בלי שום שינוי מאבותינו ורבותינו**, מילא, וואס פעלט מיר אויס צו גיין טוישן מוסדות מיט די אלע שוועריקייטן וואס קומט מיט דערמיט, אוקי אחזקתיה, והמוציא מחבירו עליו הראיה.

דאס איז א נוסח וואס מ'האלט אין איין הערן פון עלטערן וואס זיי פראבירן צו פארענטפערן זייער שריט פארוואס זיי נעמען נישט ארויס די קינדער, און פראבירן זיך מיט דעם צו בארואיגן. דערפאר האבן מיר דא גרויס נייעס פאר די אלע, אז זיי דארפן שוין נישטווארטן, מ'האלט שוין טיף אינמיטן די שינוים, **מ'האט שוין לאנג משנה געווען און נישט נאר סתם משנה געווען, נאר מיט זאכן וואס איז ממש עקירת התורה והאמונה,** פשוט מ'נעמט די תורה און

מ'רייסט ארויס דערפון יעדע משהו העכערקייט, יעדע *אונס* רוחניות, מ'מאכט דערפון פאר א סעקולארע לימוד און דעם לערנט מען בפועל מיט די קינדער. נישט אז מ'לערנט אלעס און א גאנצן טאג אויף דעם אופן, אבער אין גרויסע חלקים פונעם זמן הלימוד איז מען עוקר די תורה, מ'לערנט אמונה און כפירה צוזאמען בחדא מחתא, איינגעטיילט. **אביסל לערנט מען אמונה, און אביסל איז מען עוקר די אמונה.**

אונז רעד מיר נישט דא פון לימודי חול, מיר האבן שוין כמה פעמים גערעדט דעם חורבן וואס טוט זיך אפ, אונז האמיר שוין גערעדט פון די ביכער און שרעקליכע לימודים וואס מ'לערנט, אפס קצהו ס'האט אנגערירט אביסל. און דארט ביי די לימודי חול איז נאך דא אפשר א לימוד זכות אז אסאך עלטערן קענען נישט קיין ענגליש ב"ה, און זיי פארשטייען נישט וואס מ'לערנט. ס'איז שווער פאר זיי צו כאפן די עומק הטומאה ווי לאנג מ'וויזט עס זיי נישט אן. אבער אונז רעד מיר יעצט פון לימודי קודש, דעס איז דאך אסאך גרינגער צו באמערקן, און דארט איז א חורבן וואס עס גייט פאר אין די רעגירונס אינסטיטושנס, אדרבה, ניתי ספר ונחזי, לאמיר זיך אליינס איבערצייגן וואס דא טוט זיך.

אונז האמיר דא מיטגעברענגט צעטליך און קונטרסים וואס מ'לערנט כהיום אין די רעגירונגס מוסדות. וואס זאל מען אדער טון אז ס'איז דאך נישט מעגליך צו ברענגען אלעס וואס ס'איז דא, ס'איז דאך יכלו הזמן והם לא יכלו. אונז האמיר דא געברענגט פון דריי מוסדות וואס יעדע פון די דריי מוסדות שטייט אונטער א אנדערע נשיאות, לא ראי זה כראי זה, ולא ראי זה כראי זה. צוויי פון די מוסדות זענען פערלס מוסדות, וואס זייערע אנפירערס זענען מורא'דיג שטארק מכבד די טריפה'נע פערלס ארגעניזאציע, זיי שרייען אז פערלס איז ממש דער דרך המקובל - פערלס איז גארנישט משנה פון דרך פון אבותינו ורבותינו, און איין מוסד האט גארנישט מיט פערל. ווען מ'זאל צוזאם-רעכענען די מספר קינדער וואס לערנען אין די אלע דריי מוסדות צוזאמען, דערגרייכט עס אין די טויזנטער. אזוי אז מ'רעדט דא פון א גרויס חלק פון כלל ישראל וואס זייערע קינדער געפינען זיך אין די מוסדות וואס דארט גייט מען פאר די קינדער די צעטלעך און קונטרסים וואס אונז האמיר דא מיטגעברענגט. די דריי מוסדות זענען פארשידנארטיג, זיי פארטרעטן פארשידענע סארטן מענטשן, אבער מיט איין זאך זענען זיי אלע איינס, כולם שווין לחובה, אז זיי נעמען שווערע מיליאנען אין רעגירונגס פראגראמען פאר זייערע מוסדות, אונטער פארשידענע נעמען, העד סטאר, טייטל וואן, יו פי קעי, וכו, וכו, מיט כל שם וחניכא דאית להו. אונז האמיר דא מיט געברענגט קאפיס, יעדער זאל זיך קענען אליינס איבערצייגן, (און ס'איז כדאי אז נאכן שיעור זאל מען עס מיטנעמען מיט זיך און עס ווייטער פארשפרייטן.)

ס'גלויבט זיך שווער ווי ווייט מ'איז שוין פארזינקען, און נאכאלץ זענען דא אזעלכע וואס לא חלו ולא מרגיש, מ'זעט נישט, מ'שפירט נישט. די נעמען פון די מוסדות זענען נישט קיין נפקא מינה, ווייל אז מ'וועט זאגן א נאמען, וועט מען מיינען כאילו ס'איז די מוסד, ס'איז יענע מוסד – ס'איז בכלל נישט אזוי, ס'איז לאו דוקא דער אדער יענער, ס'איז יעדער מוסד וואס נעמט געלט פון די רעגירונג איז בחזקת אז ס'פארט אויפן וועג צום אפגרונד, זיי פארן אלע אויפן זעלבן הייוועי, אביסל אהער, אביסל אהין, אבער ס'איז הצד השוה שבהן שדרכן להזיק.

אונז וועל מיר קודם אנהויבן מיט איינס, וואס דעם האט מען געלערנט אין א חדר, אין די נורסערי קלאס דעם פארגאנגענעם פאר פסח תשפ"ב. (דאס איז נישט די הגדה פון וואס אונז האמיר גערעדט פאר פסח, פארגאנגענעם ווינטער, און ס'איז נישט די זעלבע מוסד), דא רעדט מען פון פרישע נייעס וואס אונז האמיר ממש לעצטנס אריינבאקומען. איין זאך יא, מ'רעדט דא אויך פון א פערל'ס מוסד. יעצט וועל מיר געבן א קוק אין דעם ערשטן בלאט. די ערשטע בלאט הויבט זיך אן מיט: "פסח ידיעות ביכל". עס קלינגט זייער גוט – פסח ידיעות ביכל, אבער ווען מ'גיט א קוק זעט מען אז נאך די ווארט ידיעות שטייט דארט די ווארט "*סקילס*" אויף ענגליש. א נייע ווארט, *סקילס* ס'איז א סארט "פסח ידיעות סקילס בוך".




וכאן הבן שואל, וכי מה ענין שמיטה אצל הר סיני, ווי קומט פסח ידיעות צו סקילס? מ'לערנט דא פסח ידיעות, אדער מ'לערנט סקילס? סקילס מיינט צו זאגן אזוי ווי כלים, געצייג, פעאיגקייטן מיט וואס צו טון א זאך. ידיעות מיט סקילס איז נישט די זעלבע זאך. וועט מען מיינען, עה, ס'איז לאו דווקא, ס'האט זיך בלויז אריינגעכאפט דא די ווארט סקילס, מ'מיינט באמת ידיעות, נאר דער בחור הזעצער האט בטעות געגעבן א רינגל אריין, ער האט געוואלט מאכן די איבערזעצונג פון יודיש אויף ענגליש אויף די ווארט "ידיעות", האט ער געגעבן א רינגל אריין סקילס, אבער נישט אז מ'האט דא געמיינט עפעס מדגיש צו זיין דעם ווארט "סקילס".

אי הכי, דאן לאמיר געבן א מיש צו דעם לעצטן בלאט אין דעם ביכל. אט איז וואס עס שטייט דארט: "טייערע מאמי, מיר האבן שטארק הנאה געהאט צו לערנען די סקילס צוזאמען מיט אונזער הגדה". יעצט קומט אויף ענגליש, וואס זיי שרייבן ווערטער פאר די עלטערן: "*פליז רעספאנד טו דע פאלאואינג*", ס'טייטש, אז זיי זאלן

רעאגירן צו די פאלגענדע שאלות וואס זיי גייען פרעגן, איין שאלה פרעגן זיי: *"דיד יו ענדשוי אינספלאארינג דע בוק וויט יור טשיילד"?*



טייערע מאמי

מיר האבן שטארק הנאה געהאט צו לערנען די skills צוזאמען מיט אונזערע הגדה.

Please respond to the following:

Did you enjoy exploring the book with your child? ____________

Did the book help your child apply the skills he learned to his day to day activities?

____________

Comments:

____________

____________

____________

האסטו הנאה געהאט צו אדורכטון דעם ביכל מיט דיין קינד"? די צווייטע שאלה: *דיד דע בוק העלפ יור טשיילד עפליי די סקילס הי לערנד טו היז דעי טו דעי אקטיוויטי"?* ס'טייטש: צו האט דאס ביכל געהאלפן פאר דיין קינד ער זאל צושטעלן די סקילס וואס ער האט דא געלערנט אין דאס ביכל צו זיינע טאג טעגליכן אקטיוויטעטן? דאס הייסט מ'שיקט דא אהיים פאר די עלטערן א ביכל, פאר די קינדער מיט סקילס, וואס די סקילס די כלים די מכשירים זאל מען קענען צושטעלן און נוצן צום טאג טעגליכן לעבן, און מ'וויל טאקע הערן פון די עלטערן וואס זיי זאגן דערצו. צו ס'האט טאקע געהאלפן. מ'האט דיר דא צוגעשטעלט א קדש ורחץ ביכל, ווילן זיי וויסן צו מ'האט עס *ענדשויט* און צו ס'האט טאקע צוגעהאלפן.

וואס זעט מען פון דעם? קודם כל זעט מען **אז די מטרה פון דעם ביכל איז צו אויסלערנען סקילס. די סקילס אויפן ערשטן עמוד איז נישט לאו דווקא, עס איז דוקא ודוקא.** דאס איז וואס מ'האט דא געמיינט, און די ווארט ידיעות איז לאו דוקא. ווייל דא ביים סוף ביים סוף פונעם ביכל זעט מען דאך אז דריקן זיי נאר די סקילס, דא פרעגט מען שוין נישט פון די ידיעות. דא רעדט מען פון סקילס וואס דארף צוהעלפן צום טאג טעגליכן אקטיוויטעט.

יעצט וועל מיר גיין ווייטער, ס'איז נישט קיין דיקע ביכל, ס'איז א דינע ביכל, ווען מ'קוקט עס אדורך פון אויבן אויף, זעט מען אז ער קומט דא מיט א קדש ורחץ ביכל. ס'טייטש, מ'רעדט דא בעיקר פון די סימני הסדר, ס'איז קדש ורחץ כרפס, די הייליגע סמנים. מ'וויסט אז דאס האבן געמאכט איינע פון די ראשונים, ס'איז דא וואס זיי זאגן אז רש"י הקדוש האט עס געמאכט, און אויף דעם גייען זיי ארויף. נו, פארשטייט דאך יעדער איידער איידער מ'קוקט אריין אינעם ביכל אז געוויס גייען זיי דא מסביר זיין דא, דאס וואס אונז האב מיר אייביג געוואוסט, די סימנים פון פאראויס, פון די סדר נאכט, און מסתם וועלן זיי נאך מוסיף זיין פאר די קינדער פארשידענע דברי התעוררות, קדש איז זיך הייליגן ורחץ איז זיך אפוואשן פון די חטאים, און אזוי ווייטער די אלע זאכן וואס מ'לערנט אויס פאר קינדער. ווען מ' עפנט אויף די ביכל און מ'הויבט אן מישן די בלעטער ווערן מיר געוואויר אז אונז האמיר געלעבט אין א גרויסן טעות. נישט דעם מיינט קדש ורחץ, **קדש האט גארנישט מיט קידוש, ברך האט גארנישט מיט בענטשן, און נרצה מיינט בכלל נישט זיין באוויליגט פארן אויבירשטן, נרצה מיינט גאר א פייגל!** דער עולם לאכט – מיר וועלן באלד אריינקוקן און זיך איבערצייגן אז ס'איז גארנישט קיין געלעכטער, אבער לאמיר לייענען ווייטער וואס דא שטייט. אבער אלס א הקדמה, פאר אונז וועל מיר אנהויבן איבערגיין דעם ביכל עמוד ביי עמוד און זען וואס דא שטייט, לאמיר קודם זאגן וואס דער ביכל איז: **"דער ביכל איז ארויסגעריסן יעדע מין זיק של אמונה, קדושה, קיום המצוות, זהירות פון עבירה. יעדע מין ענין**

**ומושג וואס קען ווערן אפגעטייטש ווי רעליגיע, דת, אמונה, תורה , יודישקייט איז בכל יראה ובכל ימצא אין דעם ביכל,** חוץ איין פלאץ וואס דארט ווערט יא דערמאנט דער אויבישטער ברמז, און אפילו דארט שטייט עס אויף א אופן פון אפ'חוזק'ן פון די מצוה ווי מיר ווערן באלד זען.

אבער כדי צו פארשטיין בעסער דעם עומק ההשחתה, וואס דא ליגט אין דעם קדש ורחץ *סקיל בוק*, איז דאך דער כלל צו קוקן אייביג דעם דבר והפוכו. פארדעם האבן מיר אונז דא מיט געברענגט עטליכע קינדער הגדה'ס מיט בילדער כדי צו זען דעם ראו מה בין בני לבן חמי, די זעלבע זאך – ווי אזוי שטייט עס אין די אלגעמיינע קינדער הגדה'ס, און ווי אזוי שטייט עס דא אין דעם קדש ורחץ סקיל בוק, סיי די בילדער און סיי די ווערטער. ווייל דער ביכל, דער סקיל בוק האט דאך צוויי זאכן - ווען מ'קוקט אריין און מ'הויבט אן אביסל צו מישן זעט מען ווי יעדע עמוד האט א קעפל און אונטער דעם קעפל איז דא ווערטער און נאכדעם איז דא בילדער, איז לאמיר זען סיי די ווערטער און סיי די בילדער ווי אזוי עס שטייט אין אנדערע הגדה'ס און ווי אזוי עס שטייט דא.

מיר וועלן אנהויבן ביי בדיקת חמץ און ביי שריפת חמץ, איך האב מיטגעברענגט א באר יהודא הגדה און כ'האב אויך מיטגעברענגט א הגדה של פסח המצוירת, א קינדער הגדה. ווען מ'עפנט די קינדער הגדה, זעט מען בדיקת חמץ, הנני מוכן, די ברכה על ביעור חמץ, כל חמירא, און מ'זעט א בילד ווי אזוי ס'קוקט אויס א בדיקת חמץ, מ'זעט ווי א טאטע שטייט מיט א ליכט אין די האנט, ער בייגט זיך אראפ אויף די ערד, א קינד שטייט נעבן עם, און האלט דעם לעפל, און דעם פעדער. ביי די זייט זעט מען חמץ, אויף די אנדערע זייט זעט מען מצות, ס'גיט א אוסקוק פון ווי אזוי עס זעט אויס א בדיקת חמץ.

ווי אזוי זעט אויס שריפת חמץ? אויך די זעלבע זאך, מ'זעט א הנני מוכן ומזומן פאר שריפת חמץ, א כל חמירא, וואס איז אביסל אנדערש פון בדיקת חמץ. א בילד פון א גרויסן פייער אין א גארביטש קען. נעבן דעם זענען דא טאטעס ארומגענומען ארום, איינער שטייט מיט א סידור'ל און זאגט כל חמירא, דער צווייטער שטייט מיט א זעקל חמץ און ווארפט עס אריין אין פייער, א אנדערע שטייט מיט א לאנגע שטעקן און מישט דעם פייער, און קינדער שטייען ארום און קוקן, אבער יעדער קען זיך פארשטעלן ווי אזוי ס'קוקט אויס א בילד פון א בדיקת חמץ מיט א שריפת חמץ. יעצט לאמיר אויפמישן דא דעם ביכל ווי אזוי זיי לייגן אראפ בדיקת חמץ און ווי אזוי זיי לייגן אראפ שריפת חמץ.

קוקט אריין דא אין דעם סקיל בוק? גארנישט! גארנישט מיינט טאקע גארנישט. סאיז נישטא קיין רמז ורמיזא אפילו בדרך רחוק פון עפעס אזא מין מושג ווי חמץ. נישט קיין איין ווארט און נישט קיין איין בילד. אין הכי נמי, ס'איז דא א בילד פון בדיקת חמץ און ס'איז דא א גאנצע עמוד אויף דעם. ס'איז דא א בילד פון שריפת חמץ און ס'איז דא א גאנצע בלאט אויף דעם, אבער ס'איז נישטא גארנישט וואס ס'האט שייכות מיט חמץ. וואס יא? סקילס! וואס זעט מען ביי בדיקת חמץ? גיט א קוק – וואס זעט מען דא? ס'איז דא א בילד פון 10 קעסטעלעך, אין יעדע קעסטעלע איז דא א קליינע באלי, אין די ערשטע קעסטעלע שטייט נומער איינס מיט איין באלי, אין די צווייטע קעסטעלע שטייט נומער 2 מיט צוויי באלים, און אזוי ביז 10, און אויבן שטייט "מיר קענען ציילן פון איינס ביז 10". פלאי פלאים, ס'איז א סקיל בוק – מ'לערנט דא אויס די סקילס פון ציילן. איז וואס מיינט בדיקת חמץ? בדיקת חמץ מיינט ציילן פון איינס ביז 10! מאך כאטש עפעס א בילד פון ברעקלעך ס'זאל אויסקוקן אביסל ווי חמץ – גארנישט! גארנישט וואס זאל עפעס דערמאנען מיט א היקש, מיט א גזירה שוה מיט א למוד מן הלמוד אז ס'האט עפעס שייכות מיט בדיקת חמץ – גארנישט פון בדיקת חמץ!




לאמיר גיין ווייטער צו שריפת חמץ, וואס איז שריפת חמץ? איז דא א בילד מיט די אויפשריפט העכער דעם - "שריפת חמץ", און אונטער די ווערטער שריפת חמץ איז דא א שורה וואס איז מסביר וואס די בילד דארף מיינען, עס שטייט אזוי: וועלכע זאכן איז *דעינדשערעס* (א סכנה) אנצורירן? עס שטייט אין ענגליש, *דעינדשערעס*. איז דא דארט 6 בילדער, איין בילד איז דא דארט – א ביגל אייזן, די צווייטע איז א רעזשאו וואס מ'קאכט דערויף, די דריטע איז א *מעטש באקס*, די פערטע, א *מייקראוועיוו*, די פיפטע א *פערקילעיטאר*, (סאמאוואר) די זעקסטע, א ליכט. דאס איז שריפת חמץ, דאס אלעס – ס'האט גארנישט צו טון מיט שריפת חמץ. און מ'זעט א אינטערעסאנטע זאך – די ליכט וואלט מען דאך געברויכט לייגן ביי בדיקת חמץ, דארט באלאנגט דאך די לעכטל –

אבער ניין - דארט איז נישטא קיין לעכטל, דא ביי שריפת חמץ, דא קומט די לעכט. אונז פראביר מיר צו טרעפן עפעס א שייכות וואס די אלע בילדער האבן מיט שריפת חמץ – וואס האבן די אלע זאכן מיט שריפת חמץ? דעם רעזשאו וואס ס'איז דא א פייער אונטער דעם, איז דאך סך הכל אז מ'קאכט אויף דעם, ס'איז בכלל נישט קיין כלי וואס מ'פארברענט עפעס דארט. אפשר פירט מען זיך אין דעם מוסד אז מ'פארברענט חמץ מיט א פערקילעיטאר? אדער אין א ביגל אייזן? אויב יא, דאן ווערט פארענטפערט די קשיא וואס מ'האמיר געפרעגט אנהויב וועלכע מצוה מ'קען מקיים זיין מיט א ביגל אייזן, שריפת חמץ קען מען מקיים זיין מיט א ביגל אייזן. די קשיא איז נאר עפעס אנדערש, עס קוקט אויס אז מ'וויל אויסלערנען *סעפטי*, מ'וויל אויסלערנען אכטונג צו געבן פון זאכן וואס זענען *דעינדשערעס*, נו, לכאורה איז נישט *סעיף* צו פארברענען חמץ מיט א *פערקילעיטאר* אדער מיט א*מייקראוועיוו*, און מיט א ביגל אייזן א וודאי נישט, נו וואס איז דער אמת'דיגער תירוץ? **דער אמת'דיגער תירוץ איז אז דער ביכל איז געמאכט געווארן פאר גוים**, מ'האט עס נאר בטעות געגעבן אין חדר, ווייל מ'זעט דאך אז יעדע בלאט אין דעם ביכל, וואס מיר וועלן זען ווייטער האט נישט קיין שום שייכות דוקא מיט א יוד. יעדן עמוד קען דער *אפריקען אמעריקן* גוי פונקט אזוי פארשטיין. דער גוי קען זיך אויך אויסלערנען ציילן ביז צען, ער קען זיך אויך אויסלערנען נישט צו טון קיין *דעינדשערעס* זאכן, נישט צו טון קיין סכנה'דיגע זאכן, און מ'זעט אויך אז ס'איז פול מיט ענגלישע ווערטער, זעט אויס אז ס'איז געמאכט פאר גוים.




גיי מיר ווייטער: רייניגן די הויז! ווען מ'זעט דאס ווארט רייניגן די הויז, איז דאך געוויס צו ערווארטן אז דא וועט זיין א בילד אדער א ווארט אז מ'דארף פסח'יג מאכן. פסח מאכן האט א געוויסער אויסקוק, יעדע קינד האט אין זיין קאפ א געוויסן בילד ווי אזוי עס קוקט אויס א פאר פסח. ס'איז טאקע אין דיעותיהן שוות, אין פרצופיהן שוות, איז אין אין שטוב, איז ווען מ'גייט מיטן מאפ גיסט זיך וואסער פון אלע זייטן, איינער מיט וועקיום קלינער, ביי איינעם טאר מען דא נישט אריינגיין, דער מאכט די ספרים, דער מאכט די שעלוואס, ס'האט עפעס א ציור ווען מ'וויל מאכן א בילד פון א ווי אזוי עס קוקט אויס. דא אין דעם ביכל האט דער גאנצער מושג פון פסח מאכן גאר אן אנדערע משמעות, וואס מיינט דא פסח'דיג מאכן? סעפטי, נישט אנרירן קיין *דעטערדשענט*. אויבן פון בילד שטייט "רייניגן דאס הויז," אינטן שטייט א בילד פון א טרייענגל וואס איז א סימבאל פון א סכנה, און העכער דעם שטייט *"דעטערדשענט דעינדשער*, דאס איז עפעס וואס מ'טאר נישט אנרירן.

נאכדעם איז דא דריי מיני זייפן וואס מ'טאר נישט אנרירן, ס'איז דא *טייד*, דערנאך *בלידש*, און נאך א מין זייף, אז די אלע זאכן טאר מען נישט אנרירן. דא איז די ערשטע האלב פונעם בלאט. די צווייטע האלב, די אונטערשטע האלב, דארט איז שוין דא א בילד פון צוויי העמדער, איינס האט א רויטע פלעק, פון ווין אדער קעטשאפ, טאמעטאו סאוס, און איינס נישט, און זיי פרעגן העכער דעם וואס איז די חילוק פון שמוציג און ריין? פלאי פלאים, די קעפל איז, "רייניגן די הויז", און די פיקטשער איז פון א העמד. פארוואס מאכסטו נישט קיין פיקטשער פון א הויז? די האסט א קעפל, וואס ברויך צו האבן דעם אינהאלט פון די נושא און צום סוף האט דער קעפל, מיט דעם וואס עס שטייט אונטער דעם, קיין שום שייכות נישט. צריך עיון.



עכ"פ, מ'רעדט דא פון א געוואלדיגע סקיל וואס מ'לערנט דא אויס. די סקיל פון דעם חילוק צווישן שמוציג און ריין, מורא'דיג. **יעצט נניח אז ס'איז א שטארקע סקיל, אפשר א וויכטיגע סקיל, נקיות איז דאך א מורא'דיגע זאך, מ'זעט אין די גמרא צו וואס נקיות ברענגט אלץ צו, אבער וואס האט דאס מיט פסח, וואס האט דאס מיט פסח ידיעות, נאר וואס דען, דעס איז געמאכט אז גוים זאלן עס קענען נוצן פאר זייער סקיל בוק.** דער גוי ווייסט דאך נישט פון קיין יום טוב, פון קיין פסח, ער ווייסט נאר פון *דעטערדשענט דעינדשער* וואס דאס שטייט דאך אויף ענגליש. און א גוי פארשטייט א חילוק צווישן א שמוציגע העמד מיט א ריינע העמד, ממילא איז עס דאך דאס וואס עס שטייט דא.

איצט לאמיר צוגיין צו די סימני הסדר פון קדש ורחץ א.א.וו.. "קדש" – נו וואס מיינט קדש? האבן מיר דאך דא די באר יהודה הגדה - דאס וואס יעדעס קינד ווייסט אז ווען דער טאטע קומט אהיים פון שול טוט ער זיך אן די ווייסע קיטל און מאכט שוין קידוש כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן, און ס'איז באקאנט די מעשה מיטן שפאלער זיידע אז איין מאל האט א קינד נישט געוואלט זאגן די לעצטע ווערטער און ער האט שוין געמאכט דערפון א גאנצע איבערקערעניש. יעדעס ווארט איז דאך מדויק וואס ס'מיינט. און אונז זע מיר אין די באר יהודה הגדה, וואס הגם ער איז דאך מקפיד, ער מאכט נישט קיין בילדער פון מענטשן, דאך זעט מען דארט א האנט וואס שטרעקט זיך אויס, גיסט אן א כוס מיט א הגדה דערנעבן. אין דער קינדער שפיל הגדה, איז נאכמער דראמאטיש, מ'זעט א גאנצע בילד ווי דער טאטע שטייט אויבן אן מיט די הגדה אין איין האנט, און די בעכער אין די צווייטע האנט. די זעלבע זאך מיט די קינדער, יעדע קינד האלט די כוס אין די האנט, און שטייט פארגאפט, קוקנדיג אויפן טאטן און אויף די סדר טיש מיט די קערה, אזוי ווי ס'קוקט אויס קדש אין א יודישע שטוב.

יעצט גיט א קוק דא אין דעם *סקיל בוק* – דא אין דעם ביכל, מאכט מען נישט קיין קידוש, מ'טוט נישט אן קיין קיטל - וואס יא? ס'איז דא צווי בעכערס, איינס איז פול, און איינס איז ליידיג, און אויף דעם קומט די שאלה אויבן: "איז די כוס פול אדער ליידיג"! געענדיגט – דאס איז עס! די קינד איז זיך דא קונה גאר א שטארקע *סקיל*, א ווערטפולע ידיעה, היות דא זענען דא צווי בעכערס, וואס לכאורה זעט עס אויס ווי ביידע זענען איינציג, דארף מען וויסן צו איז עס טאקע די זעלבע צו נישט. דער פשט איז צו איז עס פול, אדער ליידיג. ווייל די קינד וואס האט *דעוועלאופט* שטארקע *סקילס*, ער ווייסט אז ס'איז בכלל נישט די זעלבע, ער ווייסט אז דאס איז פול און דאס איז ליידיג, האט ער זיך קונה געווען א מורא'דיגע *סקיל* צו וויסן אויף צווי גלעזלעך וואס איינס איז פול און איינס איז ליידיג, וועלכע ס'איז פול און וועלכע ס'איז ליידיג. ס'טייטש, דאס קינד האט ער זיך דא קונה געווען עפעס, ס'איז נישט באצאלט שכר לימוד פאר גארנישט, ער האט זיך דא קונה געווען א *סקיל* וואס וועט עם באגלייטן א גאנץ לעבן, און ווען ער וועט זען א בעכער וואס האט אין זיך רויטע משקה, וועט ער פארשטיין אויב ס'איז פול.




דאס דערמאנט אביסל די מעשה פון מאניש וואס כ'האב אמאל דערציילט – איינער האט געהאט א קינד וואס איז געפארן שטודירן. ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער עם געפרעגט וואס האסטו געלערנט? איך האט געלערנט ווערטער! און וואס האסטו דיך דארטן אויסגעלערנט? איך האב מיך אויסגעלערנט אז מען נעמט א ליילעך, מען לייגט עס ארויס אינדרויסן, אויב ס'שאקלט זיך איז א סימן אז ס'בלאזט א ווינט, טאמער ס'איז נאס, איז א סימן אז ס'רעגנט, טאמער איז עס ווייס, איז א סימן אז ס'שנייט, טאמער איז עס נישט דארט, איז א סימן אז מ'האט עס געגנב'עט, ער האט קונה געווען *סקילס*.

לאמיר געבן א מיש איבער דריי פיר בלעטער ביי שלחן עורך. מ'זעט דא זאכן וואס מאכט בלייבן שטיין געפלעפט, ס'לאזט זיך נישט גלייבן. וואס מיינט שלחן עורך? אין יעדע הגדה, צו מ'וועט נעמען די באר יהודה, צו מ'וועט נעמען די קינדער שפיל הגדה, מיינט שלחן עורך - מ'גרייט צו דעם טיש, מ'עסט און מ'טרינקט לכבוד יו"ט, און מ'לייגט צו אז מ'פירט זיך אז צו עסן אייער. אין די קינדער שפיל הגדה ווערט עס אראפגעמאלן מיט א שיינע ווייסע טישטעך מיט גרויסע מה נשתנה לעכט, מיט א קערה, מיט מצות אויפן טיש מיט א הגדה, און מ'עסט און מ'טרינקט לכבוד יו"ט. אין באר יהודה איז אויך די זעלבע זאך, ער האט נישט קיין בילדער פון מענטשן אבער מ'זעט א סדר טיש, א קערה, א ציכטיגע ווייסע טישטעך, א כוס ביי יעדנס פלאץ, בערך די זעלבע נוסח איז דא אין אלע הגדה'ס.

אצינד וויל איך בעטן אלע וואס זענען דא אנוועזנד, ארייצוקוקן אין דעם סעקולארן קדש ורחץ *סקיל בוק*. ביי קיין איינע פון די סימנים פון קדש ורחץ איז נישטא אזא זאך ס'זאל שטיין דעם פשוט'ן סימן וואס מ'לערנט אויס פאר קינדער, צו ביי ורחץ אז מ'וואשט זיך די הענט און מ'זאגט נישט די ברכה על נטילת ידים, צו ביי שלחן עורך אז מ'גרייט צום טיש, מ'עסט און מ'טרינקט לכבוד יו"ט, ביי צפון, אז מ'באהאלט דעם אפיקומן, ס'איז נישטא קיין שום אפטייטש פון די אלע זאכן. וואס איז יא דא? **ס'איז הפלא ופלא אויף ביידע וועגן, די ערשטע זאך איז וואס מ'האט יא אריינגעלייגט און די צווייטע זאך איז סיי וואס מ'האט נישט אריינגעלייגט, דעם שתי רעות עשה עמי, אותי עזבו מקור מים חיים, און דעם לחצוב בהן בורות בורות נשברים וואס מ'האט דארטן אויסגעגראבן.**

עס שטייט נישט דארט קיין נוסח פון: מ'גרייט צו דעם טיש – מ'רעדט דאך פון א *סקיל* ביכל וואס מ'*עקספלארט* ווען מ'לערנט מיטן קינד, **דא לערנט מען אויס: *"טעבל מענארס!"*** אזוי שטייט אויבן אנהויב פונעם עמוד: **"וואס זענען אונזערע *טעבל מענארס*"?** די ווערטער *טעבל מענארס* זענען שוין אויף ענגליש, מ'פרעגט וואס זענען אונזערע *טעבל מענארס*? *טעבל* מיינט א טיש און *מענארס* מיינט דרכי נימוס, מענטשליכקייט, לאמיר עס אנרופן מדות דרך ארץ, (ס'איז נישט אזוי ווייל הלכות דרך ארץ איז אויך משה קבל תורה מסיני ווי דער ברטנורא זאגט אנהויב אבות, דאגעגן מענארס איז דאך א מענטשליכע זאך וואס מענטשן האבן ערפונדן,) רעכנט ער דא אויס דריי זאכן וואס דאס זענען אונזערע *טעבל מענארס*, די ערשטע זאך איז, "מיר זיצן שיין ביים טיש" –, ס'הייסט אז צו זיצן שיין ביים טיש איז אזא וויכטיגע זאך אויסצולערנען פסח, אז מ'חזר'ט עס איבער צוויי מאל, איינמאל איז שוין געווען אפאר בלעטער צוריק ביים אנגרייטן לכבוד יום טוב, וואס אנשטאט מ'זאל שרייבן דארט ווי אזוי מ'גרייט אן לכבוד יו"ט, וואס די הכנות זענען דאך די חרוסת, בראטן די זרוע, באקוקן די די מרור, און נאך אזעלכע פרטים, **אבער לויט די השגה פונעם *סקיל בוק* איז דאך דאס אלעס מינדערוויכטיגע זאכן, א גוי האט דאך נישט דערמיט גארנישט, דארט לערנט מען אויך אויס שטארק דאס זיצן שיין ביים טיש, דאס וועט דאך דער גוי יא פארשטיין,** און שנה הכתוב לעכב, האט מען עס געדארפט איבער'חזר'ן נאכאמאל.

וואס נאך איז נכלל אין *מענארס*? וועל מיר גיין צום צווייטן סעיף – אז "מ'רירט נישט אן א צווייטנס טעלער"! די דריטע זאך: "מיר רייניגן דעם טיש"! די דאזיגע דריי זאכן זענען הלכות *טעבל מענאר* וואס דאס איז די לעקציע פון שולחן עורך. דאס איז עד כאן וואס ס'שטייט ביים עמוד פון שלחן עורך. דאס איז אלה הדברים לא פחות ולא יותר.

און עס איז הפלא ופלא וואס מ'זעט אויפן בילד פון שלחן עורך - **מ'זעט א טיש וואס האט נישט קיין שום זכר אז יעצט איז יו"ט, א פשוט'ע האלצענע אפיס טישל, אן א טישטעך, מ'רעדט נישט פון קיין פסח'דיגע טישטעך, נאר ס'האט בכלל נישט קיין טישטעך, סתם האלצענע טישלעך. זעט אויס אז דאס באלאנגט צו *טעבל מענארס*,** און אויף דעם בלויזן טיש איז דא צוויי מענטשן וואס זיצן ביי א טעלער מיט א פארציע אינעווייניג. די צוויי מענטשן – לאמיר זיי אנרופן בחורים, (זיי זענען אדער בחורים אדער *קלאונס* – ווייל ס'איז א שטיקל סתירה וואס קוקט אויס ווי פורים), ביידע האבן אן הויכע ביבער הוטן, געקרייזלטע פיאות וואס לכאורה דארף עס צו זיין ווי א בחור, **איינער האט אן א רויטע *סוט* מיט בלויע סטריפס וואס זעט אויס ענדערש ווי פידשאמעס, דער צווייטער האט אן אזא געלע פידשאמע סוט, ביידע האבן אויסגעשפרייט זייערע הענט אין די ברייט, לכאורה האלטן זיי די הענט אין די ברייט צו ווייזן אז זיי רירן נישט אן ח"ו יענעמס טעלער. און א דריטער שטייט אין די זייט ביים גארביטש קען, אויך מיט א הויכע ביבער הוט, עם זעט מען קלארער און מ'קען עם בעסער באטראכטן, ער האט אן א געלע גויאישע העמד, מיט קורצע ערמעל ביז אויבן, (מסתם צו קענען לייגן תפילין אויף ביידע הענט...) מיט א גויאישע בלויע *דשינס* הויזן, און מ'זעט אז ער ווארפט**  אריין עפעס אין די גארביטש, (מ'ברויך דאך אויסצולערנען די סקילס פון רייניגן די טיש). **ווען מ'באטראכט דעם טיש זעט עס אויס ווי א געווענליכע גויאישע נאכטמאל. א גויאישע הויז ביים עסן נאכטמאל,** קוקט אזוי אויס, נישט קיין טישטעך, נישט קיין קערה, נישט קיין כוסות, קיין מצות, מרור, הגדה'ס, גארנישט. **און דעס איז שלחן עורך בלי שום שינו, א גויאישע נאכטמאל. אפשר האלט פערלס אז ביים היליגן חת"ם סופר ותלמידיו האט אזוי אויסגעקוקט א שלחן עורך?**




מ'בעט דעם עולם אז נאכן שיעור זאל מען מיטנעמען די צעטלעך, און ווייזן פאר מענטשן מ'זאל עס זען, אז נישט וועט מען עס נישט גלויבן.

לאמיר אנכאפן נאך א דוגמא - רחצה - וואס מיינט רחצה? מיר האבן אלץ געוואוסט אז רחצה מיינט אז מ'וואשט זיך די הענט און מ'זאגט יא די ברכה על נטילת ידים. ווען מ'קוקט למשל אריין אין די קינדער שפיל הגדה, איז דא א בילד ווי א טאטע שטייט אנגעטון מיטן קיטל, מיט די הענט צאמגעלייגט און זאגט שאו ידיכם קודש, מיט די ברכה על נטילת ידים, און די האנטוך ליגט עם אויף די פלייצעס און נעבן עם שטייט א קינד מיט א טעפל וואסער מיט א שיסל, דא אין דעם *סקיל* ביכל, וואס מיינט רחצה, וואשן די הענט? מאכן א ברכה? נע - וואס עפעס? די זאכן זענען דאך רעלעגיעזע אלטמאדישע זאכן נאך פון די צייטן פון מיטל אלטער. דער ביכל איז דאך געמאכט אז א גוי זאל עס אויך פארשטיין. דעם ביכל דא ענדשויט מען - און דא עקספלארט מען און מ'לערנט דא *סקילס* צו נוצן פאר די טאג טעגליכע אקטיוויטעטן. דא שטייט נישט די אלע יודישע מנהגים. נאר וואס דען יא? איך וועל נאכזאגן די לשון וואס שטייט אין ביכל, די קעפל איז גרויסע ווערטער, "רחצה", אונטער דעם **איז דא בילד פון א האנט וואס כאפט אן א פענסיל גרייט צום שרייבן**, און נעבן דעם איז דא *לײנס* אין פארעם פון פינעף פינגער וואס מ'דארף ארײנפילן וואס רופט זיך אויף ענגליש, *"טרעסן"* און אויף דעם שטייט גרויסע ווערטער: "מיר קענען טרעסן א פיקטשער"! די ווארט *טרעסן* מיט די ווארט *פיקשער*, זענען געשריבן מיט ענגלישע אותיות. מסתם אז די גוים וואס וועלן נוצן דעם ביכל זאלן עס אויך קענען גרינג פארשטיין. ווייל פאר די קינדער וואס לערנען אין דעם מוסד וואס פארשטייען יודיש אלס זייער ערשטע שפראך, ברויך מען נישט שרייבן *טרעסן* א *פיקטשער*. **יעצט ווייסן מיר שוין וואס איז רחצה, וואשן די הענט? ניין, מאכן א ברכה המוציא? ניין, וואס יא? מאלן א בילד מיט א פענסיל.**




**אצינד, ס'קומט פסח ביינאכט, דארף די קינד זיך אויפשטעלן, גיין צום פענסיל קעיס, ארויסנעמען א פענסיל און גיין נאכמאלן א בילד פון א האנט.** איי אויב איז דער תכלית פונעם בילד זיך אויסצולערנען צו *טרעסן*, פארוואס מוז עס פונקט זיין א האנט? די צוהאקטע לײנס וואלט דאך געקענט זיין אין פארעם פון א פוס? אדער גאר א עלעפאנט? נאר היות ביי יודן פירט מען זיך צו וואשן די הענט, פארדעם איז אין די גוי'אישע *סקיל בוק* דא א האנט. עס מוז דאך האבן א שייכות מיט רחצה. דאס איז דער וועג ווי אזוי דער הייליגער פערל'ס מוסד טייטשט אפ רחצה. **און היות די מנהיגי פערל'ס שרייען דאך השכם והערב אז זיי זענען גארנישט משנה, מוז דאך זיין אז לשיטתם האבן אלע תלמידי בעל שם זיך אויך אזוי געפירט אז ביי רחצה האט מען נאכגעמאלן א האנט. און מן הסתם דער הייליגער דברי חיים מיטן חוזה פון לובלין האבן זיכער געמאכט בשעת'ן סדר אז די קינדער און אייניקלעך זאלן געהעריג קונה זיין די *סקילס* פון *טרעסן* די *פיקטשער*.**

ורחץ איז אויך נישט אוועקצומאכן - אין א געווענליכע הגדה - א קינדער הגדה, וואס איז ורחץ? מ'וואשט זיך די הענט און מ'זאגט נישט די ברכה על נטילת ידים. און וואס זעט מען אינעם בילד? די זעלבע זאך. זה בכה וזה בכה. די טאטע מיטן קינד מיט די גאנצע פסח אטמאספערע. וואס טוט זיך אינעם סקיל בוק? דא אינעם *סקיל בוק* שטייט אזוי, די קעפל איז: " ורחץ ווי אזוי וואש איך מיינע הענט?" עד כאן! ס'טייטש, דא לערנט מען אויס ווי אזוי מ'וואשט די הענט. און אויף דעם קומט א בילד וואס דארט ווייזט עס די סקילס ווי אזוי מ'וואשט די הענט. מ'לערנט עס דא אויס. נו וואס טראכט דער עולם , אז מ'לערנט דא אויס הילכות נטילת ידים, אלע חומרות, די דריי הונדערט חומרות וואס דער רבי ר' שמעלקא האט געהאט ביי הילכות נטילת ידים? צו מים ראשונים, מים שניים, צו מ'דארף א רביעית צו נישט? אדער צו מ'וואשט זיך מיט א טעפל? דער ענטפער אויף דעם איז אז **היות נאר יודן וואשן זיך מיט א טעפל און דער דאזיגער ביכל איז דאך אויך געמאכט פאר גוים, אזוי ווי מ'האט דאך געזען פריער ביי שולחן עורך ביי דעם גויאישן נאכטמאל ביי דעם בלויזן אפיס דעסק אז ס'איז געמאכט פאר גוים. דעריבער דא ביי ורחץ זעט מען טאקע א בילד ווי א גוי זייפט זיך די הענט.** מ'זעט דריי בילדער. מ'זעט א האנטוך אין די זייט, נאכדעם איז דא נאך צוויי בילדער, אין איין בילד זעט מען א אנגעצונדענע קראן, פון וואס וואסער רינט, און אונטער דעם איז אונטערגעלייגט צוויי הענט, אזוי, צאמגעלייגט, א גרויסע ריזיגע זייף באבל, א גוי וואשט זיך דאך נישט מיט קיין טעפל, נאר לייגט גראד צו די הענט צום קראן און וואשט זיך אפ, און דאס איז ורחץ.

דארנאך אין די זייט איז דא א צווייטע בילד ווי מ'זעט א טעפל און ס'רינט אריין אין דעם טעפל וואסער פון א סינק, און אויף דעם טעפל שטייט אויפגעשריבן נטילת ידים, אבער אין דעם בילד איז שוין נישטא קיין האנט. דארט ווי ס'איז דא די הענט, ווי מ'זעט אז ס'גיסט וואסער אויף די הענט, דארט איז נישטא קיין טעפל, נאר ס'רינט גראד פון די קראן אויף די הענט מיט גרויסע זייף באבעלס. און ווען מ'פרעגט ווי אזוי וואשט מען זיך ורחץ, איז דער תירוץ, אז מ'לייגט זייף אויף די הענט, נאכדעם לייגט מען עס אונטער די קראן

און אזוי ווערן די הענט גערייניגט און אזוי איז מען אפגעהיטן פון *דשערמס,* (באצילן) און אין דעם צווייטן בילד ווען מ'זעט יא א טעפל, איז נישטא קיין הענט, נאר ס'רינט סתם אין טעפל. **יעצט ווייסן מיר אז ורחץ מיינט אז מ'זייפט זיך אפ די הענט פון *דשערמס*.**




יעצט לאמיר זען כרפס. כרפס איז ממש א מדרש פליאה, ס'האט אזוי ווייט נישט קיין שייכות צו כרפס אפילו נישט בדרך רחוקה. אפשר וועט איינער פון די צוהערער האבן עפעס א פשט אין דעם שווערן *סקיל בוק.* יעדער ווייסט, און אזוי שטייט אין די אלגעמיינע הגדות, ווי למשל די באר יהודה הגדה: מ'נעמט א שטיקעלע גרינצייג וויינגער ווי א כזית, מ'טונקט עס איין אין זאלץ וואסער, מ'מאכט א ברכה בורא פרי האדמה און מ'האט אינזין צו פטר'ן די מרור. אין בילד זעט מען א שטיקעלע גרינצייג מיט זאלץ וואסער. וואס שטייט אין דעם *סקיל בוק?* דער עולם זאל זיצן און זיך ביטע איינהאלטן פון לאכן. מ'זעט אזוי – ס'איז גאר א אינטערעסאנטע בילד. קודם זעט מען א גראדע בלויע ליין אזוי ווי א אויסגעצויגענע בענדל אדער א פאדעם, און אויף דעם איז ארויפגעהאנגען זעקס סטיקערס, און העכער דעם שטייט: מיר קענען לייגן סטיקערס אויף די *ליין.* די ווארט *ליין* איז געשריבן מיט ענגלישע אותיות, ווי מיר האבן שוין פריער געשמועסט אז די גוים דארפן עס אויך קענען ליינען. דא רעדט מען שוין פון גאר א פעסטע *סקיל* וואס מ'איז קונה, נישט סתם קלעבן סטיקערס. קלעבן סטיקערס קען אפשר יעדער איינער אבער דא לערנט מען זיך אויס די גראדקייט, ס'זאל נישט זיין איינס ארויף, איינס אראפ, נאר ס'זאל זיין ממש אויף די ליין. ס'איז טאקע מורא'דיג, אז קינדער זאלן אזוי גוט ארויסהאבן כרפס? **דאס זעט מען נישט אין די טהרת הקודש מוסדות, עד כדי כך אז מ'קען מאכן סטיקערס ממש גראד אין די *ליין,* און פארשטיין גענוי וואס כרפס מיינט.**

דאס איז די אויבערשטע העלפט פונעם בילד. נאכדעם איז דא נאך א צווייטע האלב פונעם בילד, דאס איז די אינטערשטע האלב וואס איז צוטיילט אין צווי. אין די אויבערשטע האלב איז דא דריי זאכן, ס'איז דא א גאנצע פאק מיט קאלירפולע גויאישע ביכער, נעבן דעם איז דא א פאק ציגל מיט אזא סארט הייב מאשין וואס הייבט אויף ציגל, און נעבן דעם איז דא אזוי ווי א *טאל* (געצייג) *באקס,* א סקרול דרייווער מיט עטליכע סארט צוועגליך, א רענטש, א אינסטרומענט צו הויבלען די האלץ, דאס איז שווער-וואגיקע ארבעטס געצייג. אין די אונטערשטע העלפט איז דא א בילד פון א קליינע טוי קאטשקעלע וואס קינדער פאר דערויף און העכער דעם שטייט: "גערעדט וועגן *לייט* און *העווי*"! די ווערטער *לייט* און *העווי* איז געשריבן מיט ענגלישע בוכשטאבן, דאס מיינט: דא האט מען געלערנט די *סקיל* פון גרינגע זאכן און שווערע זאכן. די טאלס, ביכער, ציגל, דאס איז שווערע זאכן צו הייבן, און די טוי קאטשקע איז גרינג.

עד כאן אומרים ב' *סקיל בוק,* דאס איז וואס ס'שטייט אין דעם *סקיל בוק* ביי כרפס. אבער איין רגע, ווי האלטן מיר יעצט? ביי כרפס, טא **ווי קומט א טוי קאטשקע ביי כרפס? נא** - כרפס האט דאך די אותיות פרך, רעדט מען דאך פון שווערע ארבעט, און אז מ'רעדט שוין פון שווער, איז דאך מורא'דיג אין פלאץ קונה זיין דעם חכמת שלמה'דיגן *סקיל* פון להבחין בין יום ובין לילה, מבחין צו זיין צווישן גרינג און שווער.



איז שוין פארענטפערט דער ענין פון הבחנה בין קל לכבד, אבער ווי קומט אריין דא די סטיקערס אויף די *ליין* ביי כרפס? עס בלייבט ביי צריך עיון, א הארבער *סקיל בוק*, ולית נגר ובר נגר דיפרקיניה.

**בכל אופן, דעס זאל דער עולם נישט פארגעסן אז אין די פערל'ס מוסדות איז מען נישט משנה, מ'דארף נאכקוקן די תולדות פון הייליגן ישמח משה צו ער האט אויך זיכער געמאכט אויסצולערנען ביי כרפס מ'זאל קלעבן סטיקערס גראד.**

באמת קוקט עס אויס מאדנע אפילו צו רעדן פון דעם, ס'קוקט אויס ממש ווי דברים בטלים, כאילו מ'האט נישט געהאט וואס צו טון מיט די צייט און מ' זוכט עס אנצופולן מיט די הבלים, אבער וואס זאל מען אז דעס לערנט מען דאך מיט די צאן קדשים, האבן מיר דאך נישט קיין ברירה, ההכרח לא יגונה. אויב שפירט איר בשעתן הערן דעם שיעור, ווי: "הער שוין אויף מיט די אלע שטותים", דאן **זייט וויסן אז אייערע קינדער וואס לערנען אין די פערלס מוסדות, זייערע קליינע מח'לעך ווערן געפיטערט אז דאס איז כרפס און דאס איז רחצה, און דאס איז שלחן עורך**, און דאס גייט אזוי ווייטער, עס איז ממש מוסיף והולך, עס גייט סקיל נאך סקיל. מ'מאכט א גראדע ליין, מ'כאפט אויף פונקטליך וועלכע זאך איז גרינג און וואס איז שווער. דאס הייסט אזוי - ווען נישט כרפס וואלטן די קינדער געמיינט אז אויפהייבן א שווערע פעקל איז באמת גרינג, ער וואלט נישט געהאט קיין געהעריגע וועג אויפצוכאפן דעם טעות, **אלע קליינע קינדער פון די פערל'ס מוסדות וואלטן זיך ארומגעדרייט מיט שווערע פעקלעך מיינענדיג אז ס'איז ממש גרינג**, אבער היות ס'איז דא אזא זאך ווי כרפס, ווערן זיי ב"ה געהעריג אנטוויקלט, און זיי וועלן זיך וויסן אז דאס איז שווערע פעקלעך.

לאמיר אריבערמישן דאס בלעטל צו מגיד. וואס איז *מגיד*? מ'זאגט די הגדה פון הא לחמא עניא ביז גאל ישראל! אזוי ווי אין אלע הגדה'ס זעט מען פשוט, מ'זעט הגדה'ס, מ'זעט ווי דער טאטע איז מסביר, די אפיקומן ליגט אין די זייט און א קינד פראבירט עס אוועק צו גנב'נען, דעס איז *מגיד*. יעצט גיי מיר צום *סקיל בוק* - דא האבן זיי שוין א גרויסן פראבלעם, וואסערע סקיל קען מען דא טרעפן ביי מגיד? סתם טייטשן "מ'זאגט די הגדה פון הא לחמא עניא ביז גאל ישראל? דאס איז דאך א *רעלידשעס* זאך, דאס קען מען נישט. אויך איז עס נישט קיין *סקיל*, און די היינטיגע עבודה זרה איז דאך *סקיל*, נו וואס טוט מען דא? אבער לאזט עס איבער פאר די פראפעסיאנאלע מחברים פונעם *סקיל בוק* - *מגיד איז טייטש*, מ'ברויך ארויסזאגן די ווערטער קלאר, "ספיטש טעראפי"! עס איז סתם אינטערסאנט מדייק צו זיין - ווער דארף ארויסזאגן די ווערטער קלאר, דער טאטע? נישט דאס איז דער תכלית, מ'וויל דאך אז די קינד זאל קונה זיין די *סקיל*, מיינט מען דאך לכאורה די פיר קשיות. מ'זעט טאקע אויפן בילד ווי א קינד פרעגט טאטע לעבן איך וויל דיך פיר קשיות פרעגן – און דאס האט אייגנטליך יא עפעס שייכות מיט די הגדה. אבער אונז ווייס מיר דאך אז דער חיוב איז פאר די ארבעה בנים, דאס הייסט אז אפילו א תם אדער א שאינו יודע לשאול וואס רעדן נישט קלאר דארף עס דער טאטע ענטפערן, איז דאך נישט דער ענין פון מגיד אז מ'דארף זיך אויסלערנען צו רעדן קלאר.




יעצט קומען מיר צו צום עיקר סקיל. דער עיקר סקיל איז דער צווייטער סקיל. איך וועל עס נאכזאגן ככתבם וכלשונם. מגיד, מיר ווייסן אז יעדע ווארט פון די הגדה איז אן אנדערע ווארט. מ'קען עס אפלערנען אויף צוויי וועגן. מ'קען זאגן אז איך וואלט געוואלט מיינען אז די גאנצע הגדה איז איין גרויסע ווארט, לאזט ער מיר הערן ביי מגיד אז ניין – יעדע ווארט פון די הגדה איז א עקסטערע ווארט! אויף דעם פשט איז דא א פירכא, ממה נפשך, אויב די קינדער קענען לייענען, פארוואס זאלן זיי טראכטן אז די גאנצע הגדה איז איין ווארט, זיי ליינען עס און זעען אז יעדע ווארט איז עקסטער – אדער קען מען זאגן א צווייטע פשט, אז איך וואלט געקענט מיינען אז יעדע ווארט פון די הגדה איז די זעלבע ווי למשל מה מה מה מה א.א.וו.. און אויף דעם לאזט ער מיר הערן דא ביי מגיד אז ס'איז נישט די זעלבע, נאר יעדע ווארט אין די הגדה איז א עקסטערע ווארט און דאס ווערט מען געוואר דוקא דא ביי מגיד. ווען נישט מגיד וואלט איך געקענט מיינען אז אלעס איז איבערגעחזרט א גאנצע צייט. איז דאך ווייטער די קשיא, אויב די קינדער קענען לייענען, פעלט דאך נישט אויס די התגלות פון מגיד, אויב קענען זיי נישט לייענען אזוי ווי דער אמת איז בפשטות אז נורסערי קענען נישט לייענען, דריי פיר יאריגע קינדער, איז ווי אזוי האבן זיי זיך אויסגעלערנט אז יעדע ווארט אין די הגדה איז א אנדערע ווארט. ווען מ'זאגט צא ולמד מה בקש לבן הארמי לעשות ליעקב אבינו, ווייסן זיי אז יעדע ווארט איז א אנדערע ווארט, צא איז א אנדערע

ווארט פון ולמד? לבן איז א אנדערע ווארט פון הארמי? ממה נפשך, וואס איז די זאך וואס מ'לערנט ארויס דא ביי מגיד?

די זעלבע פראבלעם האבן מיר ביי ברך. מ'זעט ביי ברך אז זיי האבן א פראבלעם, סתם טייטשן ברך ווי דער פשט איז, מיט א בילד פון "מ'גיסט אן דעם דריטן כוס און מ'בענטש" - דאס קען דאך נישט זיין, מ'טאר דאך נישט בענטשן, עס איז דאך א רעלעגיעזע זאך, **מ'דארף דאך אריינפאקן עפעס א גויאישע סקיל וואס א גוי א אפיקורס זאל רואיג קענען מיטגיין דערמיט**, נו וואס קען מען דא אריינפאקן ביי ברך?

דא ביי ברך זעט מען, עס איז שוין אן ערנסטע מעשה, דא איז שוין דא אסאך סקילס, דא לערנט מען שוין אויס פיר סקילס, דריי סקילס שטייט נישט ווי אזוי מ'לערנט זיך עס אויס, די פערטע שטייט יא ווי אזוי, אבער לאמיר אנהויבן קודם ביי די פיקטשער. ביי די בילד אונטן איז דא דריי בילדער. אין איין בילד, די פון די רעכטע זייט זעט מען א הגדה של פסח ליגט דארטן, אין די צווייטע בילד זעט מען א הגדה של פסח ליגט איבערגעדרייט, אזוי ווי א גויאישע בוך וואלט געווען געלעגן, די דריטע בילד זעט מען א אפענע הגדה און ס'שטייט דארט אין קליינע ווערטער והיא שעמדה, *דיש וואש,* קדש ורחץ כרפס, לשנה הבאה בירושלים. דער רעיון איז אזוי ווי נורסערי קינדער ברענגען אהיים פון חדר אזא סארט כל בו הגדה, און אזוי האבן זיי אריינגעמישט דעם *דיש וואש* צווישן והיא שעמדה און קדש. און דארט שטייט פיר סקילס: 1) פון ווי הויבט מען אן צו לייענען א בוק? 2) פון די פראנט אדער פון די בעק? (פון פארנט אדער פון אונטן)

יעצט, דאס איז לכאורה שווער צו פארשטיין, ווייל אין די ערשטע שאלה פרעגט ער דאך פון ווי מ'הויבט אן צו לייענען א ביכל, וואס לכאורה מיינט עס דאך - צו פון רעכטס אויף לינקס, אזוי ווי מ'לייענט יודיש, אדער פון די פארקערטע זייט אויף דעם אופן ווי אזוי מ'לייענט ענגליש. נו איז עס דאך די זעלבע ווי פראגע נומער צוויי? אלא מאי קען זיין דער פשט אז ער מיינט צו פרעגן צו מ'הויבט אן צו לייענען פון ערשטן דף אדער מ'הויבט גאר אן פונעם פופציגסטן דף? קומט אויס אז דאס לערנט מען זיך אויס יעצט ביי ברך, ווי אזוי מ'הויבט אן צו לייענען א בוק, ביי וועלכן דף? שטימט דאך ווייטער נישט ווייל ברך איז נישט פון פארנט און נישט פון אונטן, איז דאך ווייטער נישט קלאר, און זיי זענען נישט דאך מסביר ווי אזוי מ'קען קונה זיין דעם געוואלדיגן סקיל דא ביי ברך. ס'טייטש – ערגעץ וואו ליגט דא באהאלטן דעם סקיל, מ'זעט דאך אז די מאמע ברויך עס לייענען מיטן קינד און עס צושטעלן צום טאג טעגליכן לעבן. אונז ווייס מיר אבער נישט פונקטליך וואו אזוי מ'קען עס צושטעלן צום טאג טעגליכן לעבן, ווייל, וואו אזוי לערנט מען עס ארויס פון ברך.

3) וויעפיל *פעדשעס* (בלעטער) מישט מען אויף איין מאל?

נו וויפיל טאקע? איינער ווייסט? פון וואו ברויך עס דער נורסערי יונגל וויסן, און פארוואס דוקא ביי ברך? און דאס איז דען א כלל, וויפיל מ'מישט אויף איין מאל? עס איז דאך געוואנדן וואסערע הגדה ער האט. עס זענען דא הגדה'ס וואו ברך איז ביי די פופציגסטע דף, אויב איז דא מער מפרשים קען עס זיין ביי די הונדערט און פופציגסטע דף, ומאי פסקא? און אויב ווילסטו אויסלערנען דעם קינד אז מ'דארף מישן איין דף, און נישט צוויי אדער פינף אויפאמאל, וואו אזוי לערנסטו עס ארויס פון ברך?

די ערשטע דריי סקילס איז דער ביכל בכלל נישט געהעריג מסביר און לאזט איבער די עלטערן מיט גרויסע ספיקות וואס קען גאר אפעקטירן אז די קינדער זאלן נישט געהעריג קונה זיין די סקילס. דער ביכל איז דאך געמאכט אז די עלטערן זאלן אויסלערנען די קינדער די סקילס, און דא קען עס גאר גורם זיין פערקערטע רעאקציעס. מ'דארף צושרייבן הערות ביים סוף פונעם ביכל אז דא איז דא סקילס וואס מ'קען נישט געהעריג קונה זיין.

אצינד לאמיר גיין צום פערטן סקיל. דא לאזט מען שוין נישט זיין די עלטערן קיין כסיל בחושך הולך, דא לאזט מען שוין וויסן פאר די עלטערן ווי אזוי מ'ווייסט. אצינד לאמיר זיך אנשפיצן די אויערן. **דא קומט חכמת שלמה, שטארקע סקילס:**

4) ווי אזוי ווייסן מיר וואס עס שטייט אין די פעידש פון די בוק? מ'לייענט די ווערטער!

דא קוקט אויס עפעס ווי א לומדות. די קשיא איז ווי אזוי ווייסן מיר וואס עס שטייט אויף די פעידש פון די בוק? דער תירוץ איז: מ'לייענט די ווערטער. ממה נפשך, קענען די קינדער לייענען איז דאך די קשיא נישט קיין קשיא, אויב קענען זיי נישט לייענען, דאן וואס איז דער תירוץ?



לאמיר גיין ווייטער צו מרור און כורך. ווען מ'קוקט אריין אין געוועונליכע הגדות זעט מען - מען נעמט א שטיקל מרור מ'טונקט עס איין אין חרוסת מ'מאכט א ברכה על אכילת מרור, און מ'עסט עס נישט אנגעלאנט, ביי כורך לייגט מען אריין מרור צווישן מצות, מ'זאגט זכר למקדש כהלל און מ'עסט עס יא אנגעלאנט. דא אין די הגדה האט מען ב"ה געטראפן גוטע סקילס, גאר הויכע סקילס, אזעלכע סקילס וואס אויב מען וואלט עס נישט געטראפן דא ביים ליל הסדר, וואלט חלילה געווען א חשש אז ביז די הונדערט און צוואנציג וואלט מען עס נישט געוואוסט, עס וואלט געווען א שאלה פון *טשיילד אביוז*.

וואס איז מרור - איינטונקען אין חרוסת? מאכן א ברכה? ביי כורך עסן אנגעלאנט? ניין. די זאכן קען מען נישט פארקויפן פארן גוי. מ'דארף טרעפן עפעס א סקיל, עפעס כלים וואס מ'קען זיך איינהאנדלען אן דעם וואס ס'זאל האבן עפעס א שייכות צו יודישקייט. אזא סארט סקיל וואס א פראנצויזישער גוי קען פונקט אזוי פארשטיין. א סקיל וואס א נאכפאלגער פון *מארטין לוטער קינג* קען עס אויך משיג זיין. נו - וואס? מרור איז דאך ביטער – קען מען דאך דא אנטוויקלען דעם חוש הטעם, מ'קען ווערן א גוטער קעכער.

דא ביי מרור זעט מען דריי בילדער. 1) א *לאליפאפ* (לעקער), 2) א לעטערס, (שאלאטאן), 3) א זאלץ מעסטל און ס'שטייט אויף ענגליש *סאלט* (זאלץ). יעצט וואס מיינט מרור? פאלגנד איז דער לשון ה'ביכל: וועלכע עסן זענען זיס, ביטער, זאלציג? עס איז אינטערסאנט פארוואס זיי האבן נישט אריינגלייגט אויך חרוסת וואס האט אן אייגנארטיגן טעם? נאר דאס איז א רעלעגיעזער מאכל וואס דער נאכפאלגער פון *מארטין לוטער קינג* וואלט נישט פארשטאנען צו דעם מאדנעם *קארוסעס סאלאט*.

מ'דארף פארשטיין - פון וואו ברויך די קינד וויסן דעם חילוק פון זיס און זאלץ? מילא מרור, האלט מען דאך יעצט אינמיטן דעם סדר, אבער וואו קומט אהער א *לאליפאפ? ממה נפשך*, אויב ווייסט דאס קינד אליינס וואסערע טעם ס'האט, אזוי ווי מ'האט געוואוסט אין אלע דורות, דורכן טועם זיין, ווייל דער באשעפער האט אזוי אריינגעלייגט אין די טבע אז חיך אוכל יטעם, מ'דארף נישט קיין הסברים, קינדער האבן נישט ליב צו עסן זאכן וואס איז געזאלצן אדער זאכן וואס איז ביטער, אויך אן דעם וואס מ'האט זיי אויסגעלערנט דעם סקיל, ברויך איך דאך נישט דעם גאנצן לימוד. און אויב עס איז היינט אזא שוואכער דור אז די קינדער וואס לערנען אין די פערלס מוסדות זענען אזעלכע צוריקגעבליבענע קינדער וואס זענען נישט אנטוויקלט און האבן נישט דעם חוש הטעם אדער אפשר דורך די קאראנע האבן זיי פארלוירן דעם חוש, אויב אזוי, ווי אזוי קענען מען ביי מרור זיי אויסלערנען אז זאלץ איז זאלציג און א לאלי איז זיס? עס איז דאך נישט יעצט דא קיין לאלי'ס אויפן טיש. און אפילו חזרת וואס שטייט דארט אויפן בילד איז דאך אויך נישט ביטער, מ'קען עס נאר נוצן להלכה וויבאלד ס'איז סופו מר, אויב מ'לאזט עס אין די ערד גענוג לאנג ווערט עס ביטער. אבער אלץ סקיל, אויף זיך אויסצולערנען די טעם פון ביטער איז עס נישט געאייגנט. מ'וועט דארפן נאכקוקן די מפרשים אויף דעם ביכל אויב זיי שטעלן זיך אויף די קשיא.




ביי כורך איז דא צוויי גאר יסודות'דיגע סקילס, שטארקע סקילס וואס ס'איז כדי זיך צו-צוהערן ווייל מ'וועט זיך קונה זיין א סקיל וואס וועט באגלייטן א גאנץ לעבן. פראגע: ווי אזוי מאכט מען א סענדוויטש? די ווארט סענדוויטש איז געשריבן אויף ענגליש. אויף דעם איז דא דריי בילדער אין א כראנאלאגישן סדר מ'זאל קענען נאכפאלגן די אינסטרוקציעס וואו אזוי מ'מאכט א סענדוויטש, וואס עס קומט ערשט און וואס עס קומט צווייט און וואס עס קומט דריט. אין די ערשטע בילד זעט מען א מצה, אינעם צווייטן בילד זעט מען אשטיקל לעטערס, אינעם דריטן בילד זעט מען אז מ'האט שוין צוזאם-געשטעלט ביידע צוזאמען. אצינד ווייסט מען שוין וואס כורך איז, מ'נעמט אריין אין די הענט א מצה, נאכדעם נעמט מען א מרור, און מ'שטעלט עס צוזאמען און ס'איז א פארטיגע סענדוויטש. יעצט דער ענין פון עסן אנגעלאנט ברויך נישט ווערן דערמאנט ווייל דאס האט דאך נישט צו טון מיט קיין סענדוויטש, עס האט סך הכל צו טון מיט יציאת מצרים וואס איז נישט דא דער נושא (ח"ו) און דאס זעלבע מיט זכר למקדש כהלל. אלעס וואס מיר ברויכן צו וויסן איז בלויז אז כורך איז א סענדוויטש. דא זעט מען דעם חכמתכם ובינתכם, די גוים זעען די חכמה פון יודן אז זיי ווייסן ווי אזוי צו מאכן א סענדוויטש ווייל זיי לערנען כורך. למשל א כינעזער גוי אדער א יאפאנעזער גוי וואס ער קען טאקע מאכן א כינעזער געקעכץ וואו למשל סושי, אבער א סענדוויטש ווייסט ער

נישט וואו אזוי צו מאכן ווייל ער האט דאך קיינמאל נישט געלערנט קיין כורך וואו אזוי זאל ער וויסן ווי אזוי מ'מאכט א סענדוויטש.

נאכמער, לכאורה קומט אויס אז א קינד וואס האט געלערנט אין א טהרת הקודש מוסד וואס האט קיינמאל נישט געלערנט ווי אזוי צו מאכן א סענדוויטש ווייל **אין א טהרת הקודש מוסד מיינט כורך אזוי ווי מ'האט געלערנט אין אלע דורות**: מ'זאגט זכר למקדש כהלל און מ'עסט אנגעלאנט. (אויך לערנט מען דארט וועגן די הייליגע מצוה פון קרבן פסח מיט די קדושה וואס איז דא אין דעם), וועט ער לכאורה מוזן אנרופן איינעם פון די קינדער פון די פערלס מוסדות און פרעגן ווי אזוי מ'מאכט א סענדוויטש. בפרט דעם סדר עשיית הסענדוויטש וואס קומט ערשט וואס קומט צווייט און די עלטערן פון די קינדער ווייסן דאך אויך נישט ווייל ביז ס'איז נישט געווען קיין פערלס האט מען דאך נישט געלערנט אין חדר וואס ס'מיינט כורך, ס'איז פשוט א ענין פון אכשר דרא, ס'איז יפה כח הבן מכח האב. דער קינד ווייסט ווי אזוי צו מאכן דעם סענדוויטש ביים סדר און **דער טאטע וועט דארפן נעמען שימוש ביים קינד וואס האט די זכיה צו לערנען אין א פערלס מוסד און וויסן פונקטליך ווי אזוי מ'מאכט דעם סענדוויטש**. יעדע דאלאר שכר לימוד האט זיך אויסגעצאלט, אזא זאך? **די קינד וועט נישט הונגערן, ער וועט קענען מאכן א סענדוויטש.**




ווייטער צפון – ווי אזוי האבן מיר אלץ אפגעלערנט צפון? מ'נעמט אפיר דעם באהאלטענעם אפיקומן מ'עסט א כזית אנגעלאנט, די אטמאספערע אין בילד איז יעדער אויף זיין שטייגער, מ'זעט ווי דער טאטע בעט דעם אפיקומן און די קינד וויל עס נישט צוריקגעבן, ס'ווערט א גאנצע געהאנדלעריי, דאס איז צפון. וואס מיינט צפון אין דעם סקיל בוק? אויף אזויפיל האט זיך שוין דער עולם דא איבערצייגט אז קיינער מיינט נישט די אז צפון מיינט אז מ'נעמט אפיר דעם באהאלטענעם אפיקומן. *עפיקאומען וואטס דעט?* נאר וואס יא? דא לערנט מען אויס דעם זייגער. עס איז דא א בילד פון א זייגער, דער זייגער ווייזט 12:23. און זיי פרעגן די קשיא אזוי: וואס זאגט יעצט דער זייגער? ער זאגט וועלכע צייט עס איז! למאי נפקא מינה צו וויסן דעם זייגער? רעכענען זיי אויס פיר אופנים וואו עס איז וויכטיג צו נוצן דעם זייגער. פשוט וואלט יעדער פארשטאנען אז וויבאלד מ'רעדט דא פון צפון, ווען מ'דארף כאפן חצות, מוז מען דאך וויסן דעם זייגער.אבער די פיר אופנים זענען נישט כולל דעם אכילת אפיקומן פון די סדר נאכט. די פיר אופנים זענען אזא סארט וואס א גוי זאל אויך פארשטיין. 1) צו גיין שלאפן 2) צו עסן 3) צו גיין אין חדר 4) צו שפילן. גיין אין חדר איז אויך א זאך וואס א גוי קען פארשטיין, ביי עם איז גיין אין סקול, אזוי ווי ביי אונז גיין אין חדר.

דאס איז א פלא'דיגע זאך, מ'רעדט דאך דא פון צפון, מ'האלט יעצט אינמיטן די סדר נאכט און מ'ברויך אריינכאפן דעם זמן אכילת אפיקומן, פארוואס זאל נישט דאס זיין דער ציור פון די זייגער לעקציע?

נאך א פלא'דיגע זאך, דער זייגער איז אפילו נישט אנגעשטעלט אויף פאר חצות. נארמאל ווען מ'וויל מאכן א בילד פון צפון וועט דער זייגער זיין א פערטל צו צוועלף - צען מינוט פאר צוועלף, און מ'זעט ווי מ'יאגט זיך. אבער צו מאכן די זייגער צוואנציג מינוט נאך צוועלף איז מאדנע. הגם עס איז יש לישב בדוחק אז מ'רעדט פון די גערוקטע זייגער און מ'האלט יעצט פערציג מינוט פאר חצות, איז אבער דער גאנצער היקף פונעם בילד אויסגעליידיגט פון א סדר נאכט אטמאספערע.



גיי מיר צו הלל. אין אלע הגדות איז הלל – מ'גיסט אן דעם דריטן כוס און מ'זאגט הלל. דא ביי די הגדה שטייט ביי הלל דריי שורות. די ערשטע איז: ביי הלל לויבט מען הויך היי מיט א שטרעכל (ה'). **דא איז די איינציגסטע פלאץ אינעם גאנצן ביכל ווי מ'דערמאנט עטוואס פונעם אויבירשטן**, אז ס'שטייט א היי מיט א שטרעכל. עס שטייט אויך נישט ארויסגעשריבן אז מ'לויבט דעם הייליגן באשעפער. אבער לאמיר זיך נישט שטעלן אצינד אויף דעם. באלד וועל מיר זען אז די איינציגסטע זאך דא וואו עס ווערט יא דערמאנט דעם היי מיטן שטרעכל, **ווערט עס דערמאנט מיט א חירוף וגידף.** וויל דא זעט מען אזוי: דא לויבט מען הויך היי מיט א שטרעכל. דער ווארט הויך שטייט אין גרויסע ווערטער מיט *באלד* אותיות. באלד נאכדעם איז דא נאך צוויי סקילס ווי פאלגענד: ווי רעדט מען מיט א *הויכע וואיס? אוט סייד!* ווי רעדט מען מיט א *שטילע וואיס? אינסייד!* די בילדער וואס מאלן אפ דעם *אוט סייד* ווייזט א פארק ווי ס'איז דא א גליטשער מיט סווינגס. דאס איז די פלאץ ווי מ'רעדט מיט א הויכע *וואיס*, נעבן דעם איז דא א בילד פון א הויז מיט פיר שטובער, א עכטע גויאישע הויז, **ס'איז נישטא קיין אין זאך וואס שטימט נישט מיט א גויאישע הויז.** אין שטוב איז א גרויסע שטוב, מיט א בית הכסא, די צווייטע שטוב איז א ליווינג רום א קליינע טישעלע מיט א לאמפ דערנעבן אזוי ווי א ליווינג רום קוקט אויס. די דריטע בילד איז א קאך און די פערטע איז א בעדרום. יעצט למשל די קאך איז א גרויסע קאך מיט איין סינק. ס'איז דארט דא גענוג פלאץ רואיגערהייט צו צולייגן אין בילד, נאך א סינק און אפילו צוויי פרידשידערס און אפילו מיט צוויי דישוואשערס. פארוואס איז נאר דא איין סינק, כדי **ס'זאל קענען שטימען מיטן גוי.** ואם יש פתחון פה לבעל הדין לחלוק אז די סיבה פארוואס דער בילד צייגט א גויאישע הויז איז ווייל מ'האט ארויסגענומען דעם בילד פון א גויאישע *קאלערינג בוק,* איז אבער אויף די בית הכסא דא אן *עקס*. (X) אפשר איז עס בטעות אריינגעפאלן? אדער אפשר איז דער מכוון דערפון אז דארט רעדט מען נישט, און היות דער גאנצער הלל סקיל איז דאך ווען און ווי אזוי מ'דארף רעדן, דעריבער איז דא דארט א עקס אלס א צייכן אז דארט רעדט מען נישט.

לאמיר צוגייען צום ענין, וואס לערנט מען דא? דא לערנט מען א מורא'דיגער סקיל, ווי מ'רעדט הויך און ווי מ'רעדט שטיל. יעצט זייער הסבר אז אינדרויסן רעדט מען הויך און אינעווייניג רעדט מען שטיל, איז א פשוט'ער גויאישער מהלך, ווייל מ'ברויך אלס רעדן שטיל. שוין אפגערעדט אז ביי מיידלעך איז כל כבודה בת מלך פנימה, און מ'רעדט נישט הויך *אוט סייד* , נאר אפילו ביי יונגלעך און מענער, איז נישט קיין דרך ארץ צו רעדן הויך אויפן גאס. א איד גייט מיט דרך ארץ און איידלקייט ס'איז דא א פסוק אין קהלת דברי חכמים בנחת נשמעים. דער רמב"ם אין הלכות דעות פרק ז' וואו ער רעדט פון א תלמוד חכם, זאגט: ער שרייט נישט און קוויטשעט נישט, ער רעדט אייביג איידל. דאס איז קודם כל. נאר חוץ מזה קומט אויס א שרעקלכע זאך. פלוצלונג דא האבן זיי זיך אויפגעוועקט אזה מ'לויבט הויך דעם אויבירשטן? נאר דא קומט אויס אזוי – אויב די ריכטיגע סקיל איז צו רעדן אינעווייניג שטיל, מיינט דאך דאס אז די ערשטע שורה אין דעם עמוד וואס דארט שטייט אז ביי הלל לויבט מען הויך דעם אויבירשטן און דער ווארט הויך איז נאך אונטערגעשטראכן אין *באלד*, מיינט דאך אז מ'טוט נישט ריכטיג לויט דעם סקיל בוק, וויל הלל זאגט מען דאך אינעווייניג ווי מ'טאר נישט רעדן הויך, איז דאך דאס זאגן הלל שלא כדין. **קומט אויס אז ס'איז באמת א חירוף וגידף.**




ביי נרצה וועלן מיר נישט מאכן קיין הקדמה'ס, **די בילד פון נרצה איז א פייגל אויסגעשפרייט די פליגלען.** העכער דעם שטייט: וואס קען אפייגל טון? ס'קען פליען! (איינער ווייסט וואו אזוי מ'לערנט עס ארויס פון נרצה?) די צווייטע שאלה איז: וואס העלפט עם פליען? און דאס בלייבט שוין מיט א שאלה. מיר לאזן יעדעם אפטייטשן די טייטש פון דעם עמוד, עפשר קען מען זאגן בדרך צחות: **ווער ס'האט געטון די אלע זאכן דער האט פייגעלעך אין קאפ...**

דער סקיל בוק פירט אויס מיט א ווענדונג צו די עלטערן צו *רעספאנדן אף די פאלאואינג*: צו הא איר ענדשויעט צו עקספלאורן די בוק מיט אייער קינד – און צו די בוק האט טאקע געהאלפן אייער קינד צו *עפלייען* די סקילס צו די טאג טעגליכע אקטיוויטיס?

עד כאן. **דאס איז מער ווייניגע די הייליגע ביכל וואס מ'לערנט אין א פערעלס מוסד דעם פארגאנגענעם יאר תשפ"ב פאר יונגלעך אין נורסערי. עס גלויבט זיך נישט אבער דער ביטערע מציאות פאטשט**

אין פנים.




דער תמצית הדברים - **זיי האבן ארויסגענומען אלעס וואס קען נאר האבן די מינדעסטע שייכות מיט רעליגיע און יודישקייט, תורה ומצוות, קדושה און אמונה.** לא מיבעיא פון די זאכן וואס אונז האמיר אויבן דערמאנט וואס דעס איז כולל רובא ככולו פונעם סקיל בוק, וואס אין דיביידע זאכן איז בולט די השחתה שבו, עס לייגט זיך נישט אויפן זינען, **אפילו א בלינדער קען זען אז עס האט גארנישט מיט יודישקייט** - נאר אפילו די אנדערע זאכן וואס האבן א שטיקל אידישער סימבאל און עס פארמאגט עטוואס א קשר מיט די זאך - למשל יחץ, מוציא מצה, וואס די דריי זאכן האבן א בילד פון א מצה, **וואס דארט וועט די ביכל אבער אכטונג געבן בכל לשון של זהירות אז ס'זאל נישט האבן קיין שום זיק און שייכות מיט אמונה און יודישקייט, תורה ומצוות, גארנישט**, נאר וואס א גוי קען אזויך לערנען מיט זיינע קינדער. **דאס וואס א גוי אדער א דער פארפוילטער אפיקורס לערנט מיט זיינע קינדער, נאר דאס קען שטיין אין דעם ביכל, נישט קיין אייןווארט אדער אות מער פון דעם.**

לדוגמא, יחץ וואס אין יעדע הגדה בלי שום יוצא פון הכלל, ווערט געטייטש יחץ אז מ'נעמט די מיטלסטע מצה וואס הייסט לוי, מ'צוברעכט עס אין העלפט, און אויף דעם קומט א בילד פון א צובראכענע מצה. די כוונה בילד איז בסך הכל מסביר די מצוה וואס מיר ברויכן טון. אין דעם סקיל בוק בילד איז נישטא אזא זאך, ווייל ס'איז נישטא אזא זאך אז יחץ איז דיך עפעס מחייב צו טון. לשיטת הביכל דארף מען ביי יחץ גארנישט טון, ס'איז א פרי קאנטרי ס'איז חירות מן המצוות. נאר וואס דען? ביי יחץ לערנט מען אויס דעם סקיל וועלכע מצה איז גרעסער און וועלכע איז קלענער. די זעלבע זאך ביי מוציא מצה, איז נישטא קין ברכה. נישט קיין המוציא, און נישט קיין קיין אכילת מצה - א ברכה איז דאך שוין עפעס א רעליגיעזער מושג, בכלל צו עסן מצה איז דאך א מצוה און דער ביכל איז דאך געמאכט סעקיולאר אפיקורסיש. וואס דען טוט דער בילד דעמאנסטרירן? ביי המוציא איז דא א בילד פון א גאנצע מצה - מ'לערנט דארט אויס דעם חכמת שלמה'דיגן סקיל פון א גאנצע מצה אדער א האלבע מצה, די זעלבע זאך ביי מצה איז אויך א גאנצע אדער א האלבע. ווייל דער ביכל איז א סקיל ביכל, דעריבער ביי די סימנים ווי מ'קען נוצן א בילד פון א מצה, איז נישטא דוקא קיין סיבה פארוואס ער זאל לייגן א בילד פון א גאנצע ראגעלע און א האלבע ראגעלע, דאגעגן דארט ווי מ'האט נישט געטראפן קיין סקיל וואס ס'זאל האבן עפעס א פארבינדונג, דארט וועט ער אפיר ברענגען זאכן וואס האבן לגמרי נישט קיין שייכות.




אבער דעס איז זיכער געמאכט א גאנצע צייט אז קיין שום רעלעגיעזע חיוב מצוה, , ענין, מנהג, זאל נישט ווערן דערמאנט. דאס איז בבל יראה ובל ימצא אויף אן אויפפאלנדן אופן. ווען דער א טאטע הייסט פאר קינד זאגן מוציא מצה, וועט ער וויסן אז מוציא מיינט נישט אז מ'מאכט א ברכה און מצה מיינט אויך נישט דעס, און ס'מיינט אויך נישט אז מ'כאפט אן אלע דריי מצות, און דערנאך לאזט מען אויס די אונטערשטע און מ'כאפט נאר אן די אויבירשטע און די אונטערשטע. דאס מיינט דאך אז מ'דארף עפעס טון ס'איז עפעס מחייב – נישט דאס מיינט מוציא מצה. מוציא מצה מיינט די

סקיל צו עס איז גאנץ אדער האלב!







די זעלבע זאך איז דא אויף איין בלאט וואס מיר האבן נאך נישט אויסגעשמועסט ווי מ'רעדט דארטן פון אנגרייטן לכבוד יו"ט. דאס איז די איינציגסטע בלעטל פונעם גאנצן ביכל וואס רעדט בכלל פון יודישע מושגים. זיי האבן אבער זיכער געמאכט אז יעדע ענין פון יודישקייט און תורה ומצוות זאל זיין ארויסגעפליקט. **נאר אזעלכע זאכן וואס פאסט אריין אין א גויאישע סקיל בוק, נאר דעס קען שטיין דארט.** מיר וועל אנכאפן א דוגמא - די קעפל איז: אנגרייטן לכבוד יו"ט. אויף דעם קומט דריי זאכן – 1) מ'דארף זיצן שיין ביי די טיש 2) ווי אזוי באקן מיר מצות? אויף דעם איז דא דריי בילדער ווי מ'זעט אז ס'איז דא א אויבן און מ'זעט מצות. דער ענין פון בעקעריי איז דאך סך הכל א ענין וואס א גוי קען פארשטיין, און פארוואס זאלן זיי נישט מיטגיין מיט דעם. אבער דעס אז ס'זאל שטיין עפעס אז ס'איז א מצוה צו עסן מצה אדער אז ס'האט סיי וואסערע שייכות מיט א ענין, א מנהג, דאס איז חס מלהזכיר. 3) ווי אזוי וויסן מיר ווען עס איז 18 מינוט? און מ'זעט א זייגער מיט א *טיימער*. ווייטער די זעלבע – קוקן אויף אזייגער, קוקן אויף א טיימער, מיט דעם האבן זיי נישט קיין פראבלעם, אבער חלילה צו זאגן אז נאך 18 מינוט ווערט עס חמץ און מ'טאר עס נישט עסן. מ'זעט למשל דעם חינוך הילדים המצויר ביכל ווי אינהאלטספול דער ענין פון באקן מצות ווערט דארט אראפגעברעגט, סיי די ווערטער און סיי די בילדער. למשל, דא וועט נישט שטיין קיין איין ווארט לשם מצות מצוה ווייל דאס איז שוין א רעלעגיעזע זאך, דאס טאר שוין נישט שטיין. דאס איז דאך א ידיעות ביכל, טא געב א ידיעה פארן קינד וואס עס מיינט 18 מינוט? ניין!

יעצט, די בלעטער וואו ס'שטייט שוין יא א בילד פון מצות, דאס איז טויזנד מאל ארגער פון די טאל באקס ביי כרפס, **ווייל אזוי האבן זיי אסאך מער באהאלטן די כפירה ווייל ס'האט דאך מצות.** איי ס'האט נישט קיין שום שייכות עטוואס מיט די מצוות הלילה, און בסך הכל וועט עס ווייזן די חילוק פון גאנץ און האלב, דאס איז אבער א זאך וואס מ'ברויך דערשנאפן. סתם א מענטש וועט עס נישט באמערקן.

אגב, איין זאך האב איך פארגעסן צו דערמאנען אז ס'איז כדי צו באמערקן אז די ביכל האט אויף יעדע בלאט אונטן 4 גרויסע בעכערס אנגעפולט מיט ווין. אין א געוויסן זין איז די סיבה דערפון **כדי צו פארמאסקירן איר אמת'דיגע כוונה און עס געבן א היימישע אויסקוק**, פון די אנדערע זייט איז עס נישט קיין שום סתירה מיטן גוי. דער גוי האב אויך הנאה פון עטליכע כוסות ווין.

**דער סך הכל פון די הגדה איז אז ס'האט גענומען יעדע זיק פון אמונה און קדושה פונעם סדר נאכט** - עס ארויסגעריסן און אהערגעשטעלט עס זאל זיין לויט די פארשריפטן פון מארטין לוטער קינג.

**(ביז אהער איז שיעור 95 וואס איז דער ערשטער חלק פון די 4 שיעורים בנוגע דעם ענין. גייט צו שיעור 96 צו פארזעצן).**